# מעשה טישעוויץ

א

איך אַ שד, זאָג עדות, אַז ס׳זענען מער נישטאָ קיין שדים. צו וואָס שדים, ווען דער מענטש אַליין איז איצט אַ שד? צו וואָס אָנרעדן צו שלעכטס ווען דער אָנגערעדטער איז סײַ ווי גרייט? איך בין אפֿשר דער לעצטער צווישן די נישט־גוטע. איך האַלט מיך אויף אויף אַ בוידעם אין טישעוויץ, צי חיונה פֿון אַ מעשה־ביכל אויף יידיש־טײַטש וואָס האָט זיך דאָ פֿאַר־וואַלגערט פֿון פֿאַרן חורבן. די מעשה אַליין איז קובעבע מיט קאָטשקע־מילך, אָבער יידישע אותיות האָבן אַ האַפּט. ווי שטייט עס דאָרט? אותיות מחכימות. כ׳דאַרף אײַך נישט זאָגן, אַז כ׳בין אַ ייִד. וואָס דען בין איך, אַ גוי? מ׳זאָגט ס׳זענען דאָ גוייִשע שדים אויך, אָבער נישט כ׳קען זיי און נישט כ׳וויל זיי קענען. יעקבֿ און עשׂו זענען נישט קיין מחותּנים.

געקומען אַהער בין איך פֿון לובלין. טישעוויץ איז אַ העק, ווו אָדם הראשון האָט נישט משתּין געווען. אַזוי קליין איז דאָס שטעטל, אַז ווען ס׳פֿאָרט אַרײַן אַ וואָגן, איז דער קאָפּ פֿון פֿערד אין מאַרק און די הינטערשטע ראָד בײַ דער ראָגאַטקע. די בלאָטע דויערט פֿון נאָך סוכּות ביז אַ שטיק נאָך שבֿועות. ווען די ציגן פֿון טישעוויץ קײַען דאָס שטרוי פֿון די דעכער, דאַרפֿן זיי נישט אונטערהייבן די בערדלעך. הינער זיצן אויף אייער אין מיטן גאַס. פֿייגל בויען נעסטן אין די ווײַבערשע קאָפּקעס. אין שנײַדערשן שולכל איז מען מצרף צום מנין דעם קהלשן באָק. איך רעד בלשון איצט, ווײַל בײַ מיר שטייט די צײַט.

ווי אַזוי כ׳האָב געפֿונען דעם דאָזיקן טל־ומטר אין אַ קליין סידורל, פֿרעגט מיך נישט. אָבער אַז אַשמדאַי שיקט, גייט מען. ביז זאַמאָשטש איז דער וועג אַ היימישער. פֿון דאָרט אָן איז מען אויפֿן אייגענעם באַראָט. מ׳האָט מיר געגעבן אַ סימן: אויפֿן דאַך פֿון בית־מדרש טורעמט אַן אײַזערנער האָן און אויפֿן קאַם זײַנעם שטייט אַלע מאָל אַ קראָ. אַ מאָל האָט דער האָן זיך געדרייט אין ווינט, אָבער שוין יאָרן ווי ער רירט זיך נישט פֿון אָרט, מעג דונערן און בליצן. אין טישעוויץ קאָן אַן אײַזערנער האָן אויך פּגרן.

איך בין געקומען, אָבער מ׳זעט נישט קיינעם פֿון אונדזערע לײַט אויף אַ רפֿואה. ס׳בית־הקבֿרות איז ליידיק. קיין אָפּטריט איז נישטאָ. כ׳בין אַוועק אין באָד, אָבער מ׳הערט נישט קיין שאָרך. כ׳זיץ אויף דער העכסטער באַנק, קוק אַראָפּ אויפֿן שטיין וואָס מ׳גיסט אויף אים פֿרײַטאָג די שעפֿעלעך און כ׳חידוש זיך: וואָס, אַ שטייגער, דאַרף מען מיך דאָ? און אויב מ׳דאַרף אַ שדל, האָט מען געדאַרפֿט ברענגען אַזש פֿון לובלין? ס׳פֿעלן אויס לאַפּיטוטן אין זאַמאָשטש? אין דרויסן שײַנט די זון (ס׳איז פֿאַר תּקופֿת תּמוז) און דאָ איז חושכדיק און קאַלט. איבער מײַן קאָפּ הענגט אַ שפּינ־געוועב און אַ שפּין שאָקלט מיט די פֿיסלעך, וועבט יאָ, וועבט נישט. קיין פֿליג זעט מען נישט, אַפֿילו נישט קיין שאָל פֿון אַ פֿליג. וואָס עסט זי, פֿרעג איך, ס׳אייגענע אינגעווייד? מיט אַ מאָל הער איך ווי זי ענטפֿערט מיט אַ גמרא־ניגון:

— אין הקומץ משׂביע את הארי ואין הבור מתמלא מחולייתו.

כ׳האָב זיך צעלאַכט.

— אַזוי גאָר? וואָס האָסטו דיך עפּעס פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ שפּין?

— כ׳בין שוין דאָ געווען אַ וואָרעם, אַ פֿלוי, אַ פֿראָש. כ׳זיץ שוין דאָ צוויי הונדערט יאָר און האָב נישט קיין שטאָך אַרבעט. אָבער אַוועק טאָר מען נישט אָן רשות.

— מ׳זינדיקט נישט, האַ?

## ПОСЛЕДНИЙ ЧЕРТ

I

Как природный черт свидетельствую и утверждаю: чертей на свете больше не осталось. К чему они, когда человек и сам такой же? Зачем склонять ко злу того, кто и так к нему склонен? Я, должно быть, последний из нашей нечисти, кто пытался это сделать. А теперь я нашел себе пристанище на чердаке в местечке Тишевиц и живу томиком рассказов на идише, уцелевшим в великой Катастрофе. Рассказы эти для меня — чистый мед и птичье молоко, но важны и сами по себе еврейские буквы. Я, разумеется, еврей. А вы что думали, гой? Я, правда, слышал, что бывают гойские черти, но я не знаю их и не желаю знать. Иаков и Исав никогда не породнятся.

Я сюда попал из Люблина. Тишевиц — глухомань и дыра, Адам тут и пописать не останавливался. Местечко такое крохотное, что лошадь, запряженная в телегу, уже на рыночной площади, когда задние колеса только-только подъезжают к заставе. Грязь в Тишевице не просыхает от Суккот и до Тиша бе-Ав. Местечковым козам не нужно даже бороды задирать, чтобы пожевать солому с крыш. Прямо посреди мостовых сидят на яйцах куры. Птицы вьют гнезда в париках замужних женщин. В молельне у портняжки десятым в миньян[1] приходится приглашать козла.

Не спрашивайте, как угораздило меня попасть на эти задворки цивилизации. Ничего не попишешь: если Асмодей прикажет, надо идти. От Люблина до Замостья дорога всем известная. Дальше добирайся, как можешь. Мне сказали, что я узнаю местечко по железному флюгеру на крыше синагоги. Флюгер в виде петушка, а на гребне его сидит ворона. Когда-то петушок крутился от малейшего ветра, но уже давным-давно не шевелится ни в бурю, ни в грозу. В Тишевице даже железные петушки дохнут от тоски и скуки.

Я рассказываю в настоящем времени, ибо время для меня остановилось. Значит, прибываю я на место. Осматриваюсь по сторонам. Хоть убей, не вижу никого из наших. На кладбище пусто. Отхожего места нету. Захожу в баню — ни звука. Сажусь на верхнюю полку, смотрю вниз на камень, куда по пятницам льют ведрами воду, и думаю: зачем я здесь? Если тут понадобился опытный бес, неужели надо гнать его из Люблина? Что у них — в Замостье чертей мало? Снаружи сияет солнце — время летнее, но в бане холодно и мрачно. Надо мной висит паутина, в паутине сидит паук и сучит лапками, будто прядет свою нить, но нить не тянется. Мух кругом ни следа, даже шкурки мушиной не видно. Чем же он питается, мошенник, думаю я, — неужели собственными потрохами? И слышу вдруг напевный талмудический голосок: "Не насытится лев малым кусочком, и канава не наполнится землею, осыпающейся с краев ее".

Меня разбирает смех.

— Да неужели? Ты зачем это прикинулся пауком?

— Побывал уже я червяком, блохой и лягушкой. Сижу здесь двести лет, а работы — кот наплакал. Но уйти нельзя — нет разрешения.

— Что они здесь — не грешат, что ли?

— קלייני מענטשעלעך, פּיצעלעך עבֿירהלעך. היינט גלוסט מען צו יענעמס בעזעם, מאָרגן פֿאַסט מען אַ תּענית און מ׳טוט אַרײַן אַרבעס אין די שיך. זינט ר׳ אַבֿרהם־זלמן האָט זיך אײַנגערעדט, אַז ער איז משיח בן־יוסף, זענען די געבליבן בײַם עולם פֿאַרגליווערט. ווען איך בין דער שטן וואָלט איך דאָ אַפֿילו נישט געהאַלטן קיין דרדקי־שרעטל.

— ס׳קאָסט אים טײַער, האָ?

— וואָס הערט זיך אויף דער וועלט? — פֿרעגט ער.

— בײַ דער סיטרא־אחרא? נישט פֿויגלדיק.

— וואָס איז? דער יצר־טובֿ האָט זיך געשטאַרקט?

— געשטאַרקט? בלויז אין טישעוויץ איז ער אַ תּקיף. אין די גרויסע שטעט ווייסט מען אַפֿילו נישט אַז ס׳איז דאָ אַ יצר־טובֿ. אַפֿילו אין לובלין איז ער שוין אויס קאַפּעלוש־מאַכער.

— איז דאָך גוט.

— טויג ערשט נישט — זאָג איך. — כּולו חייבֿ איז פֿאַר אונדז ערגער ווי כּולו זכאי. ס׳האַלט שוין דערבײַ, אַז מ׳וויל מער זינדיקן וויפֿל די כּוחות קלעקן. מ׳איז זיך מוסר־נפֿש פֿאַר אַ ברעקל עבֿירה. ווי באַלד אַזוי, וואָס דאַרף מען אונדז? אַנומלט פֿלי איך איבער דער לעוואַרטאָווער גאַס, גייט פֿאַרבײַ אַ ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד, געלאָקטע פּאות, אַ טכוירענעם טולעפּ, אַ בורשטינען ציגאַרשפּיצל. אַקעגן שפּאַנט אַ פּריצה. פֿאַלט מיר אײַן און כ׳זאָג: וואָס זאָגט איר, פֿעטער, צו דער מעצאָצע? מער ווי אויף אַ הירהור האָב איך מיך נישט גערעכנט. כ׳האָב מורא געהאַט ער זאָל מיך נישט אויסשפּײַען אָדער אָפּשפּײַען. כ׳האָב שוין בײַ צײַטנס אַרויסגענומען די פֿאַטשיילע. ערשט ער טוט אַ רוף מיט אַ געבייזער: וואָס רעדסטו צו מיר? בײַ מיר האָסטו געפּועלט, רעד גלײַכער מיט איר...

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָנשיקעניש?

— השכּלה. אין די צוויי הונדערט יאָר וואָס דו סעקעסט דאָ האָט דער יצר־הרע פֿאַרקאָכט אַ פֿרישע קאַשע. ס׳זענען אויפֿגעקומען שרײַבער בײַ ייִדן, אויף לשון־קודש, אויף עבֿרי־טײַטש, און זיי האָבן איבערגענומען אונדזער מלאכה. מיר דאַרפֿן זיך רײַסן דעם האַלדז מיט יעדן חמור־אייזל באַזונדער, אָבער יענע דרוקן זייערע שמאָנצעס אין אַ סך קאָפּיעס און צעשיקן בכל־תּפֿוצות־ישׂראל. זיי קענען אַלע אונדזערע שטיק; שפּאָט איז שפּאָט און פֿרומקייט איז פֿרומקייט. זענען מטהר דעם שרץ בק״ן טעמים. ווילן נישט אַנדערש נאָר אויסלייזן די וועלט. וואָס האָט מען דיך דאָ געלאָזט זיצן צוויי הונדערט יאָר ווי באַלד דו קאָנסט גאָרנישט קאַליע מאַכן? און אויב דו קאָנסט קיינעם נישט איבערפֿירן אין צוויי הונדערט יאָר, וואָס קאָן איך פֿאַרדאַרבן אין צוויי וואָכן?

— מ׳זאָגט: אַ גאַסט אויף אַ ווײַל, זעט אויף אַ מײַל.

— וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו זען?

— עפּעס אַ רבֿל האָט זיך אַהער אַריבערגעקליבן פֿון מזל־באָזשיץ. אַ יונגער־מאַן נאָך פֿאַר די שלושים, אָבער מלא־וגדוש. האָט ש״ס אויפֿן קאָפּ. אַ מקובל איינער אין פּוילן. פֿאַסט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. טוקט זיך אין קאַלטע מיקוואָות. לאָזט צו זיך נישט רעדן. דערצו האָט ער אַ שיינע רביצין, פּת בסלו. ס׳איז דען דאָ מיט וואָס צו פּרוּוון? גיי ריר אַן אײַזערנע מויער. ווען מ׳פֿרעגט מיך, דאַרף מען דאָס גאַנצע טישעוויץ אויסמעקן פֿון רייסטער. אויב דו קאָנסט מיך אַרויסנעמען פֿון דאַנען, ראַטעווע מיך ווײַל כ׳ווער משוגע!

— פֿריִער מוז איך אַ רעד טאָן צום רבֿל. ווו הייבט מען אָן, האָ?

— אַדרבא, זאָג דו מיר. נאָך איידער דו עפֿנסט ס׳מויל, שיט ער דיר שוין זאַלץ אויפֿן וויידל.

— איך בין אַ לובלינער. מיך קאָן מען אַזוי גיך נישט אָפּשרעקן.

— Мелкие людишки, мелкие грешки. Сегодня он возжелает метлу ближнего своего, а завтра уже постится и насыпает горох себе в башмаки покаяния ради. С тех пор, как Авраам Залман вообразил себя Мессией, сыном Иосефовым[2], здешняя публика погрузилась в спячку. Будь я на месте Сатаны, я бы сюда и первоклашку не стал посылать.

— Сатане это денег не стоит.

— А что новенького на свете?

— Для нашего брата хорошего мало.

— А что случилось? Или Дух святой укрепляется?

— Где там укрепляется! Он только в Тишевице крепок. В больших городах о нем и слыхом не слыхивали. Даже в Люблине он вышел из моды.

— Так это же прекрасно!

— Ничего не прекрасно, — говорю я. — Для нас "кругом виноват" куда хуже, чем "чист и невинен." Дело дошло до того, что люди тянутся грешить выше своих сил и возможностей. Они готовы на вечные муки ради мелкого пошлого грешка. А тогда мы зачем? Вот недавно я летел над Левертовской улицей и увидел еврея в скунсовой шубе. Черная борода, закрученные пейсы, в зубах янтарный мундштук. Навстречу ему — чиновничья жена. Я возьми да и скажи: "Ничего бабенка, а, приятель?" Я надеялся, самое большее, на грешный помысел с его стороны. Даже носовой платок приготовил утереться, если он в меня плюнет. А он что делает? "Не трать слов попусту, — отвечает он сердито, — я готов. Давай-ка лучше ее обработай".

— Что же это за напасть такая?

— Просвещение! Пока ты здесь двести лет баклуши бил, Сатана заварил новую кашу. У евреев появились писатели. На идише, на иврите — перехватили наше ремесло. Мы тут горло надрываем, толкуя с каждым подростком — а они свою белиберду выпускают несметными тиражами и распространяют всюду среди евреев. Они все наши приемчики мигом усвоили — и богохульство, и благочестие. Они тьму доводов приведут, чтоб доказать, что крыса — тварь кошерная. У них одна цель — принести погибель миру. Вот ты, тебя здесь держат двести лет, и никого ты не сумел развратить. А если ты за столько лет ничего не смог сделать, чего ждать он меня за две недели?

— Ну, как говорится, — поглядишь на дело свежим глазом.

— Да на кого тут смотреть?

— К нам переселился из Модлых Божиц молодой раввин. Ему еще и тридцати нет, но он ученый до невозможности, знает наизусть все тридцать шесть трактатов Талмуда. Величайший каббалист на всю Польшу, постится по понедельникам и четвергам, а в микве обливается ледяной водой. Нашего брата он на версту к себе не подпускает. Вдобавок у него красивая жена, которая его прекрасно кормит. Ну, чем мы его можем соблазнить? Он как железная стена, ничем не прошибешь. Если хочешь знать мое мнение, Тишевиц надо вычеркнуть из наших списков. Я об одном прошу — убрать меня отсюда, пока я не спятил.

— Нет сперва я должен поговорить с этим раввином. Как ты думаешь, откуда к нему лучше подступиться?

— Сам решай. Ты и рта раскрыть не успеешь, как он тебе соли на хвост насыплет.

— Ну нет, я люблинский. Меня так просто не спугнешь.

ב

אויפֿן וועג זאָג איך צו דעם שרעטל:

— וואָס האָסטו געפּרוּווט?

— וואָס האָב איך נישט געפּרוּווט? — ענטפֿערט ער.

— אַ נקבֿה?

— ער קוקט נישט.

— אַפּיקורסות?

— האָט אויף אַלץ אַן ענטפֿער.

— געלט?

— קען נישט קיין צורת־מטבע.

— כּבֿוד?

— אַ בורח מן הכּבֿוד.

— קוקט זיך נישט אום אויף צוריק?

— טוט נישט קיין ריר מיטן קאָפּ.

— עפּעס אַ פּניה האָט יעדער איינער.

— ווּ שטעקט זי?

דאָס פֿענצטער אין בית־דין־שטוב איז אָפֿן. מיר פֿליִען אַרײַן. אַן אָרון־קודש, ספֿרים־שענק, אַ מזוזה אין אַ הילצערנער שייד. דער רבֿ, אַ יונגער־מאַן מיט אַ בלאָנד בערדל, בלויע אויגן, געלע פּאות, אַ הויכן שטערן, טיפֿע ווינקלען, זיצט אויף דער כּיסא־רבנות, קוקט אַרײַן אין אַ גמרא. ער איז באַוואָפֿנט מיט אַלץ: אַ קאַפּל, אַ גאַרטל, אַ טלית־קטן, כּפֿול־שמונה ציצית. כ׳הער מיך צו צום שיידל: ריינע מחשבֿות. ער טוט זיך אַ שאָקל און נעמט ברומען: רחל טעונה וגזוזה, און ער טײַטשט אויס אויף יִדיש־טײַטש: אַ באַוואָקסן שעפּסל און ער האָט עס אָפּגעשוירן...

— רחל, זאָג איך, איז דער טײַטש אַ שעפּסל און רחל איז אויך אַ מיידל.

— נו, איז וואָס?

— אַ שעפּסל האָט וואָל און אַ מיידל האָט האָר.

— איז דעריבער?

— אויב זי איז נישט קיין אַילונית, האָט זי סימני נערות.

— בעבע נישט! לאָז מיך לערנען! — טוט זיך דער רבֿ אַ בייזער.

— וואַרט אַ מינוט — זאָג איך. — די תּורה וועט נישט קאַלט ווערן. יעקבֿ האָט טאַקע ליב געהאַט רחלען, אָבער אַז מ׳האָט אים געגעבן לאהן, האָט ער זיך אויך נישט אָפּגעסמט; און אַז לאה האָט אים דערלאַנגט פֿאַר אַ קעפּסווײַב זלפּהן, האָט רחל אויף צעפּיקעניש אים צוגעשאַנצט בלההן.

— פֿאַר מתּן־תּורה.

— וואָס איז מכּות דוד המלך?

— פֿאַרן חרם דרבנו גרשם.

— פֿאַרן חרם, נאָכן חרם, אַ מאַנצביל איז אַ מאַנצביל.

— שייגעץ! שדי קרע שטן! — טוט דער רבֿ אַ געשריי. ער טוט זיך אַ נעם אָן בײַ די פּאות און שאָקלט זיך׳אָפּ ווי פֿון אַ בייז אויסדוכטעניש. — וואָס פֿאַלן מיר עפּעס אײַן אַזוינע שטותים! — חידושט ער זיך. ער כאַפּט זיך אָן בײַ די לעפּלען און פֿאַרשטאָפּט מיט זיי די אויערן. איך רעד, נאָר ער הערט נישט. ער פֿאַרטיפֿט זיך אין אַ שווער שטיקל מהרש״א און ס׳איז שוין נישטאָ מיט וועמען צו רעדן. מײַן שרעטל רופֿט זיך אָן:

— אַ האַרטער ביסן, האַ? מאָרגן וועט ער פֿאַסטן און זיך קוילערן אין שטעכעכץ. ר׳עט צעטיילן דעם לעצטן גראָשן אויף צדקה.

— הײַנטיקע צײַטן אַזאַ מאמין?

— שטאַרק ווי אַ פֿעלדז.

— די רביצין?

— אַן עולה תּמימה.

— די קינדער?

— פּיצלעך.

— אפֿשר האָט ער אַ שוויגער?

— שוין בעלמא דקשוט.

— מחלוקת?

— ר׳האָט נישט קיין האַלבן שונא.

II

По дороге к раввину стал я расспрашивать чертенка:

— Ты какие методы пробовал?

— Да каких я только не пробовал! — отвечает.

— Женщину?

— Он смотреть на нее не станет.

— Ересь?

— Он на этом деле собаку съел.

— Деньги?

— Да он монетки отродясь в руках не держал.

— Слава?

— Он ее презирает.

— Нет ли у него чего в прошлом?

— Вовсе оно его не беспокоит.

— Должна быть у него какая-то слабинка.

— Не знаю, где ее искать.

В кабинете раввина распахнуто окошко, влетаем мы внутрь. Кругом обычные причиндалы: шкафчик со Святым Писанием, книжные полки, мезуза в деревянном футляре. Раввин, молодой человек с белокурой бородой, голубыми глазами и рыжеватыми пейсами, с высоким лбом и глубокой залысиной, сидит в раввинском кресле и изучает Гемару. Он наряжен в полную форму: ермолка, кушак и окаймленный бархатом талес, где каждая бахромка сплетена в восемь нитей. Я прислушиваюсь, что происходит у него в голове: мысли самые чистые! Он раскачивается из стороны в сторону и декламирует: "Рахель т'уна в'газеза", затем переводит: "острижена рунная овца".

— На иврите "Рахель" — это и овца и женское имя, — говорю я ему.

— И что же?

— У овцы шерсть, а у девушки — волосы.

— Что из этого следует?

— Если только она не двуполая, у нее волосики на лобке.

— Перестань нести вздор и дай мне заниматься, — сердито говорит раввин.

— Погоди минутку, — говорю я, — Тора от тебя не убежит. Иаков, это правда, любил Рахель, но когда ему взамен подсунули Лию, он ведь тоже не отравился. Потом Рахель дала ему в наложницы Билху, и как же отомстила сестре Лия? Положила ему в постель Зилпу.

— Все это было до того, как Тора была дана евреям.

— А царь Давид?[3]

— Это произошло до отлучения, провозглашенного рабби Гершомом[4].

— До рабби Гершома или после, а самец всегда самец.

— Мерзавец. Шаддай, кра Сатан![5] — вскричал раввин.

Ухватившись обеими руками за пейсы, начинает он трястись, как от дурного сна. "Что за дурацкие мысли лезут мне в голову?" Он берется за мочки ушей и закрывает глаза. Я продолжаю говорить, но он не слушает — погрузился в Писание, и слова мои отскакивают от него, как горох от стенки. Тишевицкий чертенок говорит:

— Крепкий орешек, а? Завтра он будет поститься и кататься на ложе из репейника. И отдаст последнюю копейку бедным.

— Чтобы в наши дни такая твердость в вере?

— Крепок, как скала.

— А жена его?

— Жертвенный агнец.

— А дети?

— Младенцы-несмышленыши.

— Может, у него теща есть?

— Уже переселилась в лучший мир.

— ווו נעמט זיך עפּעס אַזאַ תכשיט?

— ביי ייִדן פֿאַרוואַלגערט זיך.

— כ׳מוז אים בייקומען. ס׳איז ביי מיר ס׳ערשטע שליחות. מ׳האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב ס׳וועט מיר געראָטן, שיקט מען מיך קיין אָדעס.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַ גן־עדן פֿאַר אונדזערע לייט. קאָנסט שלאָפֿן פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. ס׳פּעבל זינדיקט און דו דאַרפֿסט נישט צולייגן קיין פֿינגער.

— וואָס זשע טוט מען דאָרט גאַנצע טעג?

— מ׳שפּילט זיך מיט די שדיכעס.

— דאָ איז נישטאָ קיין איין שדיכע — טוט דאָס שרעטל אַ זיפֿץ. — געווען אַן אַלטע כלבֿטע, האָט זי צוגעמאַכט אַן אויג.

— וואָס טוסטו?

— מעשׂה־אונן.

— נישט קיין תּכלית. העלף מיר צו און כ׳שווער ביי אַשמדאַיס באָרד, אַז כ׳וועל דיך פֿון דאַנען אויסלייזן. וועסט ווערן ביי מיר אַ שאַלאַטן־שמש.

— הלוואי, אָבער לייג דיר נישט קיין פֿייגעלעך אין בוזעם.

— מ׳האָט שוין צו רעכט געמאַכט, זאָג איך, גרעסערע פֿון אים...

— Может быть, он ссорится с кем-нибудь?

— У него нету ни единого врага на свете.

— И откуда только взялось это сокровище?

— Бывает. Изредка является среди евреев этакая диковина.

— Я непременно его должен совратить. Это мое первое задание в здешних краях. В случае успеха мне обещан перевод в Одессу.

— Что же там хорошего?

— Нашему брату это рай земной. Спи хоть двадцать четыре часа в сутки. Тебе и пальцем шевелить не приходится, жители сами грешат наперебой.

— Чем же вы занимаетесь целый день?

— Развлекаемся с чертовками.

— А здесь ни одной нашей девочки нет. — Чертенок вздохнул. — Была одна старая карга, и та ноги протянула.

— Как же ты обходишься?

— По способу Онана.

— От этого мало удовольствия. Вот помоги мне и, клянусь бородой Асмодея, я тебя отсюда вытащу. У нас там есть вакансия — готовить смеси из горьких трав. Только и работы, что на Песах.

— Будем надеяться, что у нас что-нибудь получится, но ты не торопись считать цыплят.

— Ничего, и не таких обмишуливали.

## ג

אַז ס׳איז אַריבער אַ וואָך און ס׳עסק האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט, איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע. אַ וואָך אין טישעוויץ איז ווי אַ יאָר אין לובלין. דאָס טישעוויצער שרעטל איז אַ גאַנץ וווילע שרעטל, אָבער אַז מ׳זיצט אָפּ צוויי הונדערט יאָר אין אַזאַ מקום, ווערט מען קליינשטעטלדיק. זאָגט וויצן פֿון חנוכס צייטן. לאַכט אַליין ווי אַ פּרא־אָדם. רופֿט אָן נעמען פֿון דער הגדה. יעדע מעשׂה האָט שוין אַ באָרד. כ׳וויל וואָס גיכער אַנטלויפֿן פֿון דאַנען, אָבער צוריקקומען מיט גאָרנישט, איז אַ קנאַפּע קונץ. כ׳האָב שונאים צווישן מיינע לייט און ס׳וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ העצע. אפֿשר האָט מען מיך אייגנס געשיקט כ׳זאָל ברעכן האַלדז און נאַקן? אַז שדים הערן אויף שטרייטן מיט מענטשן, שטעלט מען זיך אונטער פֿיסלעך איינער דעם אַנדערן.

אַ כלל האָב איך, אַז פֿון אַלע נעצן וואָס אונדזערע פֿאַרשפּרייטן זענען דריי בדוק ומנוסה: ניאוף, געלט, גאווה. קעגן אַלע דריי איז קיינער נישט באַוואָרנט, מעג ער זיין דער רבי ר׳ צאַץ. פֿון די דריי איז גאווה אַן אייזערנע בריק. אַ שמינית שבשמינית מעג האָבן אַ תּלמיד־חכם לויטן דין, אָבער אַ ייִד אַ למדן האָט מיט אַ שמיצל אַריבער. אַז כ׳האָב געזען דאָס טישעוויצער רבֿל איז איינגעשפּאַרט און די טעג לויפֿן, — האָב איך מיך פֿאַרלייגט אויף גאווה.

— טישעוויצער רבֿ, זאָג איך, כ׳בין נישט קיין נעכטיקער. כ׳קום פֿון לובלין. מיט פּשטלעך ברוקירט מען ביי אונדז דעם שאָסיי. מיט חיבורים הייצט מען דעם אויוון. פֿון קבלה ברעכן זיך ביידעמער. נאָר אַזאַ בעל־מדרגה ווי דו געפֿינט מען נישט אַפֿילו אין לובלין. ווי קומט עס, פֿרעג איך, וואָס קיינער ווייסט נישט פֿון דיר? צוואָר, אַ צדיק דאַרף זיין פֿאַרבאָרגן, אָבער פֿון שווייגן קומט נישט דער קץ. דו דאַרפֿסט זיין דער מנהיג הדור, נישט אַ רבֿל אין ק״ק טישעוויץ. שוין צייט זאָלסט דיך אַנטפּלעקן. אויף אַזאַ ווי דו וואַרטן אַלע עולמות. משיח אַליין זיצט אין קן־ציפּור און קוקט אויס די אויגן אויף אַ צדיק־תּמים. אָבער וואָס טוסט דו? זיצסט אויף דער שטול און פּסקנסט טעפּל־לעפֿל. זיי מיר מוחל פֿאַרן פֿאַרגלייך, נאָר ס׳איז ווי מ׳זאָל איינשפּאַנען אַ העלפֿאַנט אין אַ שטרוי.

— ווער ביסטו? וואָס ווילסטו? — פֿרעגט ער מיך אַ דערשראָקענער. — וואָס לאָזסטו מיך נישט לערנען?

## III

Прошла неделя, но дело наше не продвинулось ничуть; настроение у меня стало скверное. Неделя в Тишевице стоит целого года в Люблине. Тишевицкий черт неплохой парень, только, просидев в этой дыре двести лет, он совсем опростился. Отпускает шуточки, которые уже Эноха не смешили, и сам же покатывается с хохоту; хвастается личным знакомством с героями Аггады. Анекдоты его все с бородой. Я мечтаю убраться отсюда подобру-поздорову, но вернуться с пустыми руками — фокус невелик. У меня полно врагов среди коллег, против меня плетутся интриги. Может, меня именно сюда послали, чтобы я себе сломал шею. Когда в войне с людьми передышка, черти начинают пакостить друг другу.

Опыт показывает, что из имеющихся в нашем арсенале крючков для уловления душ есть три, не знающие промаха: похоть, жадность и гордыня. Ускользнуть от всех трех не может никто, даже рабби Цоц. Надежней всех — сети честолюбия. Талмуд гласит, что ученому мужу дозволяется восьмая доля восьмой доли тщеславия. Но ученый муж, как правило, превышает эту норму. Видя, что дни идут, а тишевицкий раввин не поддается, я решаю упирать на тщеславие.

— Рабби из Тишевица, — говорю я ему, — я не вчера родился. Сам я из Люблина, где улицы вымощены толкованиями Талмуда. Ученые рукописи идут у нас на топливо для печек. Наши чердаки ломятся от каббалистических сочинений. Но даже в Люблине я не встречал человека, равного тебе ученостью. Как же это так случилось, — спрашиваю я, что никто о тебе не слышал? Может быть, истинным праведникам и достойно укрываться в безвестности, но скромность не спасет мир. Тебе пристало стать вождем нынешнего поколения, а не раввином здешней общины, какая бы она ни была праведная-расправедная. Настало время открыть себя миру. Небо и земля ожидают тебя. Сам Мессия, восседая на Птичьем Гнезде, смотрит вниз, выискивая безупречного святого мудреца — именно такого, как ты. А ты что? Сидишь в своем раввинском кресле и выносишь приговор: этот горшок кошерный,

а этот нет. Прости за сравнение, но это все равно, что заставить слона таскать соломинку.

— Кто ты и чего ты хочешь? — в ужасе спрашивает раввин. — Для чего мешаешь мне заниматься?

— Бывают моменты, когда истинное служение Господу требует от человека, чтобы он оторвался от Торы, — восклицаю я. — Изучать Гемару может каждый ешиботник.

— Кто тебя послал сюда?

— Я был послан, этого довольно. Ты что думаешь, там наверху не знают о тебе? Высшие силы недовольны тобой. Плечи у тебя широкие, а бремя ты несешь малое. Ведь сказано: скромность скромностью, да знай же меру. И слушай теперь главное: Авраам Залман был истинно Мессия, сын Иосефов, а тебе назначено свыше — возвестить пришествие Мессии, сына Давидова, так что — довольно спать! Готовься к схватке. Мир погружается все глубже в топь греха, подходит уже к сорок девятым вратам скверны, ты же воспарил к седьмому небу. А между тем один-единственный голос в силах достичь покоев Господа — голос тишевицкого мужа. Распорядитель вечной тьмы выслал на тебя воинство бесов. Сам Сатана тебя подстерегает. Асмодей против тебя строит свои козни. Лилит и Наама парят над твоим ложем. Незримые тебе Шабрири и Брири[6] следуют за тобою по пятам. Если бы не бдили ангелы-хранители, сборище нечистых растоптало бы тебя в прах. Но ты не одинок, раввин Тишевица. Владыка Сандальфон охраняет каждый твой шаг, Метатрон[7] в своем светозарном чертоге не спускает с тебя глаз. Чаши весов пришли в равновесие, о муж из Тишевица, — ныне от тебя зависит, в какую сторону они склонятся.

— Что же я должен сделать?

— Прислушайся внимательно к моим словам. Даже если я велю тебе нарушить Закон, делай, как я приказываю.

— Кто ты? Как тебя зовут?

— Элияху ха-Тишби[8]. Это я держу шофар Мессии наготове. От тебя сейчас зависит: наступит избавление, или снова нам придется блуждать во тьме египетской 2689 лет.

Тишевицкий раввин долго молчит. Лицо его становится белым, как бумага, на которой он пишет свои комментарии.

— Как мне узнать, говоришь ли ты правду? — спрашивает он дрожащим голосом. — Прости меня, святой ангел, но ты должен подать мне знамение.

— Ты прав, и вот тебе знамение.

Я поднимаю такой ветер в кабинете раввина, что листок, на котором он писал, взлетает в воздух и парит, как голубь. Страницы Гемары начинают переворачиваться сами собой. Занавес, скрывающий Арон-ха-Кодеш[9], вздувается парусом. Ермолка раввина соскакивает у него с головы, возносится к потолку, а затем снова садится на макушку.

— Разве природа делает такое? — спрашиваю я.

— Нет.

— Теперь ты веришь мне?

Раввин колеблется.

— Так что же ты велишь мне сделать? — тихо спрашивает он.

— Вождь поколения должен быть известен.

— А как человек становится известным?

— Отправляйся странствовать по свету.

— И что я буду делать?

— Молиться и собирать деньги.

— На что именно я должен собирать деньги?

— Сначала собери. А позже я скажу тебе, что с этими деньгами делать.

— עת לעשות להי הפרו תורתך — טו איך אַ געשריי. — **לערנען גמרא קאָן יעדער בעלפֿער!**

— **ווער האָט דיך געשיקט?**

— **מ׳האָט מיך געשיקט און כ׳בין דאָ. וואָס מיינסטו, מ׳ווייסט נישט אויבן ווער דו ביסט? מ׳האָט אויף דיר פֿאַראיבל אין דער פמליא־של־מעלה. אַז מ׳גיט פּלייצעס, דאַרף מען טראָגן. עניו גראָמט זיך מיט זנב. זײַ וויסן, אַז ר׳ אַבֿרהם־זלמן איז געווען משיח בן־יוסף און דו ביסט אָנגעבּרייט אַראָפּצוברענגען משיח בן־דוד. אָבער שלאָף נישט. גורט אָן די לענדן. די וועלט זינקט אין מ״ט שערי־טומאה, אָבער דו ביסט בוקע רקיעים. אין אַלע היכלות הערט מען איין געשריי: דער טישעוויצער! דער** שׂר של אדום האָט אָנגעריכט קעגן דיר ס׳גאַנצע געזינדל חיצונים. דער שׂטן לויערט אויף דיר. אַשמדאי גראָבט אונטער דיר אַ גרוב. לילית און נעמה הויערן בײַ דײַן געלעגער. דו זעסט זיי נישט, אָבער שבֿרירי ברירי טרעטן דיר אויף די פּיאַטעס. ווען מלאכים וואָלטן דיך נישט באַשיצט, וואָלטן די קליפּות געמאַכט פֿון דיר אַש און פּאָרעך. אָבער דו ביסט נישט אַליין, טישעוויצער רבֿ. סנדלפֿון דער שׂר היט דײַנע טריט. מטטרון טוט אַכטונג אויף דיר פֿון עולם הצחצחות. אַלץ הענגט אויף משקולת, טישעוויצער! דו קאָנסט איבערוועגן די וואָגשאָל.

— וואָס זאָל איך טאָן?

— האָרך מיך, אַלץ וואָס איך וועל דיך הייסן. אַפֿילו ווען כ׳זאָל דיר באַפֿעלן צו זײַן אַן עובֿר על דת, טו מײַן געבאָט.

— ווער ביסטו? וואָס איז דײַן נאָמען?

— אליהו התשבי. כ׳האַלט גרייט דעם שופֿר של משיח. פֿון דיר, טישעוויצער, הענגט אָפּ צי ס׳זאָל קומען די גאולה אָדער מ׳זאָל זינקען אין חושך של מצרים נאָך תרפ״ט אַלפֿים יאָר.

אַ לאַנגע ווײַל האָט דאָס טישעוויצער רבֿל געשוויגן. דאָס פּנים זײַנס איז געוואָרן אַזוי ווײַס ווי דאָס שניצל פּאַפּיר וואָס דערויף האָט ער געשריבן אַן אויפֿטו.

— פֿון וואַנען וויים איך, אַז דײַנע רייד זענען וואָר? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ ציטער אין קול. זײַ מיר מוחל, הייליקער מלאך, נאָר כ׳וויל אַ צייכן.

— ביסט גערעכט. דאָ איז אַ צייכן!

און איך האָב געמאַכט אַזוי אַ ווינט אין בית־דין־שטוב, אַז דאָס בייגעלע פּאַפּיר מיט דעם חידוש האָט זיך אויפֿגעהויבן און גענומען פֿליִען ווי אַ טויב. די בלעטער פֿון ספֿר האָבן זיך געמישט פֿון זיך אַליין. דאָס פּרוכת איבערן אָרון־קודש האָט זיך אָנגעבלאָזן. דעם טישעוויצער רבֿס קאַפּל האָט זיך אָפּגעריסן פֿון קאָפּ, זיך אַ הייב געטאָן ביז צום בעליק, צוריק אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן רבֿס שאַרבן.

— איז דאָס אַ דרך הטבֿע? — האָב איך געפֿרעגט.

— ניין.

— גלייבסטו שוין איצט?

דאָס טישעוויצער רבֿל האָט זיך אַ קווענקל געטאָן.

— **וואָס הייסטו מיך טאָן?**

— אַ מנהיג הדור דאַרף זײַן מפֿורסם.

— ווי אַזוי ווערט מען מפֿורסם?

— פֿאָר אַרויס איבער דער וועלט.

— וואָס וועל איך טאָן אויף דער וועלט?

— זאָג דרשות. זאַמל געלט.

— פֿאַר וועמען זאַמלען?

— **קודם זאַמל. וואָס צו טאָן מיט דעם געלט וועל איך דיר שוין ווײַזן.**

— ווער וועט מיר געבן?
— אַז איך הייס, גיבן ייִדן.
— ווער וועט מיך אויסהאַלטן?
— אַ שד״ר מעג אַראָפּנעמען פֿאַר זיך אַ חלק.
— ס׳בני־בית...
— ס׳עט קלעקן פֿאַר אַלעמען.
— וואָס זאָל איך טאָן שוין איצט?
— פֿאַרמאַך די גמרא.
— אוי, ס׳איז נפֿשי חשקה בתורה! — האָט דער טישעוויצער אַ קרעכץ געטאָן.

ער האָט פֿון דעסט וועגן אויפֿגעהויבן דעם טאָוול, גרייט צו פֿאַרמאַכן. ווען ער טוט דאָס, איז ער אַ פֿאַרטיקער. וואָס האָט דען געטאָן יוסף דילה ריינה? דערלאַנגט סמאלן אַ שמעק טאַבעק. כ׳האָב שוין געלאַכט אין האַרץ: טישעוויצער רבֿל, ביסט אין פעקל! דאָס שדל פֿון באָד, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געלוישט, איז געוואָרן גרין פֿון קינאה. צוואָר, כ׳האָב אים צוגעזאָגט צו טאָן אַ טובֿה, אָבער די נישט־פֿאַרגינערײַ בײַ אונדזערע לײַט איז שטאַרקער פֿון אַלץ. מיט אַ מאָל טוט דאָס רבֿל אַ זאָג:
— פֿאַרגיב מיר, מײַן האַר, נאָר כ׳פֿאַרלאַנג נאָך אַ וואָרצייכן.
— וואָס פֿאַרלאַנגסטו? כ׳זאָל אָפּשטעלן די זון?
— ווײַז מיר די פֿיס.

**אַזוי ווי דער טישעוויצער האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע ווערטער, האָב איך געוווסט אַז אַלץ איז פֿאַרלוירן. מיר קאָנען פֿאַרשטעלן אַלע גלידער אַחוץ די פֿיס. די פֿיס אונדזערע זענען גענדזענע, פֿון דעם קלענסטן לאַפּיטוטל ביז קטבֿ מרירי. דאָס שדל אין ווינקל האָט געטאָן אַ לאַך. צום ערשטן מאָל אין טויזנט יאָר בין איך, דער בעל־לשון, געבליבן אָן לשון.**
— די פֿיס ווײַז איך נישט! — האָב איך אַ רוף געטאָן אין גרימצאָרן.
— אויב אַזוי ביסטו אַ רוח!

און ער טוט אַ געשריי: פּיק, גיי אַרויס פֿון דאַנען! ער איז צוגעלאָפֿן צו דער ספֿרים־שאַנק, אַ כאַפּ געטאָן דעם ספֿר יצירה און גענומען פֿאָכען איבער מיר ווי אַ גזלן. קעגן ספֿר יצירה קאָן קיינער פֿון אונדז נישט באַשטיין. כ׳בין קוים אַרויס פֿון בית־דין־שטוב בפּחי נפֿש.

וואָס זאָל איך דאָ לאַנג ברײַען? כ׳בין געבליבן שטעקן אין טישעוויץ. אויס לובלין! אויס אָדעס! אין איין רגע איז געוואָרן אַ באַרג אַש פֿון אַלע מײַנע הינטערליסטיקייטן. אַ באַפֿעל איז געקומען פֿון אַשמדאי אַליין: בלײַב אין געהאַקטע צרות אין טישעוויץ. ריר דיך נישט אַרויס ווײַטער ווי אַ תחום־שבת...

ווי לאַנג כ׳בין שוין דאָ? אייביק מיט אַ מיטוואָך. כ׳האָב אַלץ בײַ־געווינט: חורבן טישעוויץ, חורבן פּוילן. נישטאָ מער קיין ייִדן. נישטאָ מער קיין שדים. מ׳גיסט מער נישט אויס די טון וואַסער אין דער נאַכט פֿון דער תקופֿה. מ׳היט זיך מער נישט פֿאַר קיין זוגות. מ׳קלאַפּט מער נישט אָן פֿאַר טאָג אין דער טיר פֿון פּאָליש. מ׳וואָרנט אונדז מער נישט איידער מ׳גיסט אויס אַ פּאָמעשאַף. דער רבֿ איז אומגעקומען על־קידוש־השם אַ פֿרײַטאָג חודש ניסן. די קהילה האָט מען אויסגעקוילעט, די ספֿרים פֿאַרברענט, ס׳בית־עולם געשענדט. דער ספֿר יצירה איז צוריק בײַ דעם מנהיג הבירה. אין באָד פּליוסקען זיך יוונים. פֿון ר׳ אַבֿרהם־זלמנס אוהל האָט מען געמאַכט אַ חזיר־שטאַל. ס׳איז אויס יצר־הרע, אויס יצר־טובֿ, אויס עוונות, אויס נסיונות. דאָס דור איז שוין זיבן מאָל כולו חייבֿ, נאָר משיח קומט נישט. צו וועמען זאָל ער קומען? אַז משיח איז נישט געקומען צו ייִדן, זענען ייִדן אַוועק צו משיחן. ווײַ, מ׳דאַרף מער נישט קיין שדים! מ׳האָט אונדז אויך פֿאַרטיליקט. איך בין געבליבן איינער, אַ פּליט. כ׳מעג שוין גיין וווּ כ׳וויל, נאָר צו וועמען זאָל גיין אַ שד פֿון מײַן סגאַל? צו די רוצחים?...

— А кто мне их пожертвует?
— Когда приказываю я, евреи дают.
— А на что я буду жить?
— Раввин-посланник имеет право на часть своих сборов.
— А моя семья?
— Хватит на всех.
— С чего же мне начать?
— Закрой Гемару.
— Ах, но душа моя не может без Торы, — стонет Тишевицкий раввин.

И тем не менее, берется за обложку книги — уже почти готов ее закрыть. Если сделает он это — ему конец. Ведь и Иосеф делла Рина[10] в свое время всего лишь поднес Самаэлю щепоть нюхательного табаку. Я уже посмеиваюсь про себя: рабби из Тишевица, ты у меня в кармане. Банный черт, притаившийся в углу, волнуется и зеленеет от зависти. Я хоть обещал ему протекцию в случае успеха, но среди нашей братии зависть сильней любого чувства. Внезапно раввин говорит:
— Прости, Господин мой, но мне нужно еще одно знамение.
— Чего ты хочешь? Чтобы я остановил солнце?
— Нет, просто покажи мне свои ноги.

Как только он произносит эти слова, я понимаю, что затея лопнула. Мы можем придать пристойный вид любой части нашего тела — всему, кроме ног. Начиная от мельчайшего чертенка и кончая Кетевом Мерири[11], у всех нас гусиные лапы. Банный черт в углу заливается смехом. Впервые за тысячу лет у меня, мастера заговаривать зубы, отнимается язык.
— Я никому не показываю свои ноги, — яростно воплю я.
— Значит, ты дьявол. Убирайся отсюда, — кричит раввин. Он подбегает к книжной полке, выхватывает Книгу Бытия и угрожающе размахивает ей передо мной. Какой черт может устоять против Книги Бытия? Я удираю из раввинского покоя, все мои надежды вдребезги разбиты.

Дальше и рассказывать нечего. Я навек застрял в Тишевице. Прощай, Люблин, прощай, Одесса. Мои старания пошли прахом. От Асмодея пришло распоряжение: "Сиди в Тишевице и жарься на медленном огне. Не смей отходить от местечка далее, нежели дозволено еврею в субботу"[12].

Сколько времени я здесь уже пробыл? Целую вечность и еще одну среду. Всему я был свидетель: гибели Тишевица и гибели Польши. Евреев больше нет, нет и чертей. Нет женщин, поливавших улицы водой в ночь зимнего солнцестояния. Никто не помнит, что нельзя давать другому четное число любых предметов. Никто не стучится на рассвете в дверь синагоги. Никто не окликает прохожего перед тем, как выплеснуть помои. Раввина убили в пятницу в месяце нисан. Общину вырезали, святые книги пожгли, кладбище осквернили. Книга Бытия возвращена его Создателю. Гои парятся в еврейской бане. Молельню Авраама Залмана превратили в свиной хлев. Ангела Добра больше нет, нет и Ангела Зла. Нет более ни грехов, ни искушений! Род людской виновен и семижды виновен, а Мессия так и не приходит. К кому он теперь придет? Мессия не являлся, не являлся, и евреи сами отправились к нему. Нужды в чертях больше нет. Нас тоже ликвидировали. Я — последний уцелевший беженец. Я могу теперь идти, куда вздумается, но куда мне, черту этакому, податься? К убийцам?

אויפֿן בוידעם וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו וועלוול באָנדער, צווישן צוויי צעלעכצטע פֿעסער, האָט זיך פֿאַרוואַלגערט אַ טריף־פּסול אויף ייִדיש־טײַטש. דאָרט זיץ איך, דער לעצטער שד. כ'עס שטויב, כ'שלאָף אויף אַ פֿלעדערוויש. כ'לייען דעם קוידערוועלש פֿון בוך. ס'שרײַבעכץ איז פֿון אונדזער נוסח; קוגל מיט חזיר־שמאַלץ. שמד געוויקלט אין יראה. דער מוסר־השׂכּל איז: להד"ם. אָבער די אותיות זענען פֿאָרט ייִדישע. דעם אלף־בית האָבן זיי נישט געקאָנט צעטרענצלען. דערפֿון זויג איך. דערין טו איך מיך קלאַמערן. כ'צייל די ווערטער, פֿלעכט גראַמען, טײַטש אַרײַן אין יעדן פּינטעלע פּיתום ורעמסס. אלף אַן אַדלער, אַן אַדלער פֿליט; בית אַ בוים, אַ בוים בליט; גימל אַ גלח, אַ גלח קניט; דלד אַ דאָרן, דער דאָרן ברענט; הא אַ הענקער, אַ הענקער הענגט; וואָוו אַ וועכטער, דער וועכטער שענקט; זין אַ זעלנער, אַ זעלנער שיסט; חית אַ חזיר, אַ חזיר ניסט; טית אַ טויטער, אַ טויטער מתט; יוד אַ ייִד, אַ ייִד פֿאַרגעסט...

יאָ, ווי לאַנג ס'איז דאָ אַ ייִדיש וואָרט, האָב איך אַן אָנהאַלטעניש. ווי לאַנג די מילבן האָבן נישט אויפֿגעגעסן ס'לעצטע בלעטל, איז נאָך דאָ מיט וואָס זיך צו שפּילן. וואָס ס'וועט זײַן שפּעטער, וויל איך פֿאַרן מויל נישט ברענגען.

אָן אַ ייִדיש אות —
איז אַ שד אַ ייִד — אויס...

1959

В доме, принадлежавшем некогда Велвелу-бочару, я нашел между двух рассохшихся бочек небольшую книжку историй на идише. Тут я и сижу, последний черт. Глотаю пыль. Сплю на щетке из гусиных перьев. И читаю эту дурацкую книжку. Она написана в духе, подходящем нашему брату: субботний пирог на свином сале, богохульство в благочестивой упаковке. Мораль книжонки: нет ни судьи, ни осуждения. Но буквы в ней все-таки еврейские. Извести алфавит они все же не сумели. Я обсасываю каждую буковку и тем живу. Перебираю слова, складываю строки и без устали толкую и перетолковываю их значение и смысл.

Алеф — агония добродетели и порока.
Бет — беда, неизбежность рока.
Гимел — Господи, а Ты не заметил?
Далет — дымная тень смерти.

Хей — хам поднялся во весь свой палаческий рост.
Вав — вместе с глупостью — мудрость корове под хвост.
Заин — знаки зодиака, дабы их читал обреченный:
Хет — хотел родиться, но умрет нерожденный.
Тет — титаны мысли навек уснули.
Йод — ей-богу, нас обманули.

Да, пока остается хоть одна книжка, мне есть чем поддержать свой дух. Пока моль не съела последнюю страницу, мне есть чем развлечься. А о том, что случится, когда исчезнет последняя буква, мне и говорить не хочется.

Коли последняя буква пропала,
Значит, последнего черта не стало.